פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# איבער אייער קינד'ס מעדיצינישע פֿאַרשלעפֿונג

די אינפֿאָרמאַציע ערקלערט וואָס עס וועט פּאַסירן ווען אייער קינד ווערט מעדיציניש פֿאַרשלעפֿט פֿאַר אַ סקען אָדער אַ פּראָצעדור . עס וועט אייך אויך העלפֿן זיך אָפּגעבן מיט'ן קינד נאָך די פֿאַרשלעפֿונג.

פֿאַרשלעפֿונג איז ווען אייער קינד באקומט מעדעצין אז זיי זאלן שלאפן דורכאויס א סקען אדער א פראצעדור. עס קען גענוצט ווערן ווען מען דארף נעמען בילדער סקענס וואו דאס קינד דארף ליגן אן זיך צו רירן דורכאויס די סקען. מען קען עס אויך נוצן פֿאַר פּראָצעדורן וואָס קענען אָנמאַכן סטרעס אָדער ווייטאָג אויב דאָס קינד איז וואַך.

ביי MSK וועט א סערטיפייד רעגיסטרירטע איינשלעפונגס נורס (CRNA) אדער אנעסטיזיאלעדזשיסט געבן פאר אייער קינד דאס איינשלעפונגס מעדעצין. א סעדאטיוו איז א מעדעצין וואס ווערט גענוצט צו איינשלעפן.

## סארטן פון סעדאטיוון

איניגע סעדאַטיווס ווערן אַריינגעלייגט אינעם קינד'ס בלוטשטראָם. זיי הייסן אינטראַווינעס (IV) סעדאַטיוון (אינעווייניג אין די ווענע). אַנדערע סעדאַטיוון ווערן געגעבן אַלס אַ גאַז וואָס דאָס קינד אָטעמט איין דורך אַ מאַסקע וועלכע מען לייגט אים/זי אויף די נאָז און מויל.

אייער קינד'ס העלטקעיר פּראָווידער וועט מיט אייך רעדן איבער דעם סאָרט (די סאָרטן) סעדאַטיוו וואָס אייער קינד וועט קריגן. ביי MSK, נוצן מיר די סעדאטיוון פראפאפאל, סעוואפלורעין, און דעקסמעדעטאמידיין (Precedex®).

### פּראָפּאָפֿאָל

פּראָפּאָפֿאָל איז אַ ווײס־געפֿאַרבטער IV סעדאַטיוו. עס גייט אריין אין קראפט זייער שנעל, געווענליך אין אונטער א מינוט.

איינמאל אייער קינד'ס פראצעדור אדער סקען איז פאריבער, וועלן זיי זיך געווענליך אנהויבן

אויפוועגן ביז 10 אדער 20 מינוט. יעדעס קינד וועקט זיך אויף אַנדערש. פּראָפּאָפֿאָל מעג נעמען לענגער זיך אויסצואוועפּן, באַזונדערס מיט לענגערע סקענס אָדער פּראָצעדורן.

## סעוואָפֿלוראַן

סעוואָפֿלוראַן איז אַ סעדאַטיווער גאַז וואָס ווירקט שנעל. מיר קענען דאס נוצן אויב אייער קינד'ס סקען אדער פראצעדור איז קורץ און זיי וועלן נישט דארפן אן IV ליניע. דאס וועט זיי האלטן איינגעשלעפט דורכאויס די סקען אדער פראצעדור.

אויב אייער קינד דארף אן IV ליניע אריינגעלייגט פאר זייער סקען אדער פראצעדור, קענען מיר זיי ערשט געבן סעוואפלורעין. דאָס וועט מאַכן אַריינלייגן די IV ליניע גרינגער און באַקוועמער. מיר קענען נוצן די IV ליניע זיי צו געבן אנדערע סעדאטיוון, מעדיצין, אדער פליסיגקייטן דורכאויס אדער נאך זייער סקען אדער פראצעדור.

עס איז נאָרמאַל אויב דער סעוואָפֿלוראַן גאַז שמעקט שלעכט. עס קען זיין שרעקעדיג פאר קינדער איינצושלאפן אויף דעם וועג. מיר דארפן טיילמאל האבן אייער הילף צו בארואיגן און האלטן אייער קינד ווען זיי שלאפן איין.

## דעקסמעדעטאָמידין (פּרעסעדעקס)

פּרעסעדעקס איז אַ דורכזיכטיגער IV סעדאַטיוו. עס ווערט טיילמאל גענוצט צוזאמען מיט פראפאפאל אדער סעוואפלורעין. דאס העלפט קינדער זיין וויניגער טרויעריג אדער צומישט ווען זיי וועקן זיך אויף נאכ'ן זיין איינגעשלעפט. אויב איר מיינט אַז אייער קינד האָט זיך אַמאָל אויפֿגעוועקט ווײנענדיג, צעמישט אָדער צערודערט נאָך די פֿאַרשלעפֿונג, לאָזט וויסן אייער אַנעסטעזיאָלאָג.

פּרעסעדעקס וועט וואַרשײַנליך גורם זיין אַז אייער קינד וועט לענגער שלאָפֿן נאָך דעם סקען אָדער פּראָדעצור. עס קען אויך אַראָפּלאָזן דאָס קינד'ס האַרץ ראַטע. מיר וועלן נאָענט באַאָבאַכטן אייער קינד'ס האַרץ ראַטע כדי צו מאַכן זיכער אַז דאָס קינד איז נישט אין קיין געפֿאַר. דאָס קינד'ס האַרץ ראַטע וועט ווערן ווידער נאָרמאַל איינמאָל דאָס קינד וועקט זיך אויף און דער פּרעסעדעקס וועפּט זיך אויס.

# וואָס צו דערוואַרטן

עס קען זיין נוצליך צו רעדן מיט'ן קינד איבער דעם וואָס וועט פּאַסירן במשך דעם סקען אָדער פּראָצעדור. צום ביישפיל, איר קענט זיי זאגן אז מיר וועלן זיי געבן מעדיצין זיי צו מאכן דרימלען. עס וועט אויך העלפֿן צו באַרואיגן דאָס קינד אַז איר וועט זיין מיט אים/זי בשעת דאָס קינד ווערט אַנטשלאָפֿן און ווען ער/זי וועקט זיך אויף.

## איידער אייער קינד ווערט אַנטשלאָפֿן

איר וועט זיך טרעפֿן מיט דעם אַנעסטעזיאָלאָג פֿאַר אייער קינד׳ס סקען אָדער פּראָצעדור. דער אַנעסטעזיאָלאָג וועט ענטפֿערן אויף אייערע פֿראַגעס און רעדן מיט אייך איבער דעם וואָס צו ערוואַרטן. דערנאָך וועט דער CRNA אָדער אַנעסטעזיאָלאָג געבן אייער קינד דעם סעדאַטיוו.

איניגע קינדער האָבן אומוואָלונטערישע מוסקעל אָדער אויג באַוועגונגען בשעת זיי ווערן אַנטשלאָפֿן פֿון דעם סעדאַטיוו. אומוואלונטעריש מיינט אז זיי האבן נישט קיין קאנטראל איבער דעם. דאָס איז נאָרמאַל. איר קענט העלפֿן באַרואיגן דאָס קינד דורך האַלטן אים/זי אָדער רעדן מיט׳ן קינד . איינמאל זיי זענען איינגעשלעפט, וועט איר צוריקגיין צו דיווארטן צימער.

## בשעת אייער קינד שלאָפֿט

דער CRNA אָדער אַנעסטעזיאָלאָג וועט בלייבן מיט אייער קינד במשך דעם סקען אָדער פּראָצעדור. זיי וועלן האלטן א וואכזאמע אויג אויף אייער קינד און באהאנדלען סיי וועלכע זייטיגע אפעקטן, אזויווי שטייטערע, וויניגער טיפע אטעמען און נידריגע בלוט דרוק.

שטייטערע, וויניגער טיפע אטעמען איז די מערסטע באקאנטע זייטיגע אפעקט פון איינשלעפונג. דער CRNA אָדער אַנעסטעזיאָלאָג קען געבן אייער קינד מער אָקסידזשען דאָס צו פֿאַרבעסערן. אויב נויטיג, וועלן זיי אויך געבן אַן אָקסידזשען זאַק און מאַסקע צו העלפֿן דאָס קינד אָטעמען. איניגע קינדער קענען דאַרפֿן אַן אָטעם רער, אָבער דאָס איז זעלטן.

איניגע קינדער קריגן IV פֿליסיגקייטן פֿאַר אָדער במשך דעם סקען אָדער פּראָצעדור. דאס העלפט צו פארמיידן זייער בלוט דרוק פון ווערן צו נידריג.

## בשעת אייער קינד וועקט זיך אויף

איינמאל אייער קינד וועקט זיך אויף, וועט א שטאב מיטגליד ברענגען אייער קינד צו אן ערהוילונגס צימער. אַ נויס אין דעם ערהוילונג צימער וועט באַאָבאַכטן אייער קינד ביז דער סעדאַטיוו ווערט זיך אויס. דאס דארף נעמען ארום 10 ביז 20 מינוט, אבער עס זענען דא קינדער וועלכע שלאפן אביסל לענגער. דאָס איז אַ נאָרמאַלע שלאָף. עס איז נאָרמאַל אויב קינדער וועקן זיך אויף און דערנאָך שלאָפֿן ווידער איין איינמאָל זיי געפֿינען זיך ביי אייך אין די אָרעמס.

קינדער וועקן זיך געוועהנליך אויף בשלום. איניגע קינדער כאַפּן זיך אויף בייז, ווינענדיג, צעמישט און אויס מענטשן. געוועהנליך ווערט דאָס שוין בעסער אַ ביסל שפּעטער. זייער זעלטן דארפן מיר געבן פאר אייער קינד מעדיצין דאס צו באהאנדלען. צומאל, קענען מיר זיי געבן Precedex דאס צו אפהאלטן פון פאסירן.

אויב אייער קינד שפירט געפילן פון פאראיבל (אזויווי זיי דארפן ברעכן), וועלן מיר זיי געבן מעדיצין זיי צו העלפן שפירן בעסער. דאָס איז זעלטן פֿאַר רוב סעדאַטיוון.

## וויאזוי צו קעיר נעמען פון אייער קינד נאך איינשלעפונג

- רעדט צו אייער קינד אין א רואיגע שטימע אדער האלט זייער האנט אין די צייט וועט די איינשלעפונג וועפט אויס.
- אייער קינד קען גלייך עסן אדער טרינקען, אויסער אויב זיי האבן נאך א טעסט באשטימט. הייבט אָן מיט אומבאַ׳טעמ׳טע עסן אַזוויווי קרעקערס, טאָוסט, רייז אָדער עפּלסויס. אויב אומבא׳טעמ׳טע עסן שטערט נישט זייער מאגן, קענען זיי האבן זייער געוועינליכע עסן און טרינקען.
- אויב אייער קינד נעמט מעדיצין פאר ווייטאג מיט אן אפיאוד (אזויווי ®Oxycodone), קענען זיי זיין מער שלאפעדיג ווי געוועינליך נאכ׳ן זיין איינגעשלעפט.
- נאָכדעם וואָס אייער קינד וועקט זיך אויף, קען ער/זי זיך שפּירן מיד, טרייסלען זיך, אָדער די ביידע. מיר קענען אייך געבן אַ ווילטשעיר צו פֿירן דאָס קינד צו אייער קאַר אָדער אַן אַנדערע רייזע אַהיים.
- איינמאָל איר און אייער קינד זענען אינדערהיים, זאָל דאָס קינד זיך אָפּרוען אָדער טאָן אַ שטילע, גרינגע אַקטיוויטעט, אַזוויווי קוקן טעלעוויזיע. זיי קענען שפירן שווינדלען און אומזיכערקייט. האלט א נאנטע אויג אויף זיי צו פארזיכערן אז זיי טוען זיך נישט וויי. לאזט זיי נישט טון קיין אקטיוויטעטן וועלכע פאדערן באלאנס אדער פעסטקייט ביז זיי קומען צוריק צו זייער געהעריגע אויפפירונג. דאס נעמט אריין פארן אויף א בייק אדער נוצן די טרעפן.

## וועו צו רופן אייער קינד׳ס העלטקעיר פראוויידער

רופֿט אייער קינד׳ס העלטקעיר פּראָוויידער אויב:

- דאָס קינד פֿאַנגט אָן צו ברעכן.
- אייער קינד ווערט זייער אנגעצויגן אדער קען נישט אויפהערן וויינען.
- איר קענט דאָס קינד קוים אויפֿוועקן.
- דאָס קינד האָט אַ פֿיבער העכער פֿון 100.4 גראַד פֿערענהייט (38 גראַד צעלסיוס) אָדער טשילס.

- דאָס קינד האָט אַן אויסשלאָג אָדער הייווס.
- דאָס קינד כאָרכלט.

**אויב דאָס קינד האָט שוועריגקייטן מיט׳ן אָטעמען, רופט 911 זאָפאָרט.**

אויב איר האָט סיי וועלכע פראַגעס, פאַרבינדט זיך דירעקט מיט אַ מיטגליד פון אייער העלטקעיר מאַנשאַפט. אויב איר זענט א פאציענט ביי MSK און איר דארפט רעדן מיט א פראוויידער נאך 5:00 נאכמיטאג, ענדע וואך, אדער אויף א האלידעי, רופט 212-639-2000 און בעט פאר די פידיאטריק פעלאו אן קאל.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטואלע לייברערי.

---


אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

Memorial Sloan Kettering Cancer Center